בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מצורע תשע"ו | שבת הגדול | גליון 356 [שנה ח']

**פארוואס שטייט 5 מאל תורת ביי מצורע**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן: (י"ד ב') לכאורה איז שווער פארוואס שטייט וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה און נישט וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר אזוי ווי עס שטייט (יג א) ביי נגעי בתים? און בכלל איז שווער פארוואס האט דער אויבערשטער דאס נישט גערעדט צו אהרן ובניו, אזוי ווי די גאנצע ענין פון טהרת המצורע וואס עס שטייט וְצִוָּה הַכֹּהֵן, ווייל מען דארף דאך מזהיר זיין די כהנים און נישט משה? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויטן מדרש (ויקרא רבה פט"ז ו) וואס שרייבט אז עס שטייט 5 מאל די ווארט תּוֹרַת ביי די פרשה פון מצורע. 1. זֹאת תּוֹרַת נֶגַע־צָרַעַת בֶּגֶד הַצֶּמֶר, 2. תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע, 3. זֹאת תּוֹרַת אֲשֶׁר־בּוֹ נֶגַע צָרַעַת, 4. זֹאת הַתּוֹרָה לְכָל־נֶגַע הַצָּרַעַת, 5. זֹאת תּוֹרַת הַצָּרָעַת, זאגט דער מדרש אז ווער עס רעדט לשון הרע איז עובר אויף חמשה חומשי תורה –דאס מיינט כל התורה– דעריבער איז משה מזהיר כלל ישראל זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע עכ"ד המדרש. לכאורה איז שווער אויף דעם מדרש, קען מען דען זאגן אז וויבאלד עס איז דא אסאך לאווין ביי לשון הרע דעריבער דארף זיי משה רבינו מזהיר זיין, אפילו ווען עס איז דא ווייניגער לאווין דארף משה רבינו אויך מזהיר די אידן? נאר דער תירוץ איז, אז די תורת המצורע פון לשון הרע איז, אז די עבירה איז שקול כנגד כל התורה, און ווייל משה רבינו האט געגעבן די תורה צו כלל ישראל, דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט אז די פרשה באלאנגט צו משה רבינו, צו מזהיר זיין כלל ישראל, דעריבער שטייט נישט וַיְדַבֵּר ה' אֶל־אַהֲרֹן וּבָנָיו, און דאס מיינט דער מדרש: לפיכך משה מזהיר את ישראל זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע, ווייל דאס איז נוגע נאר פאר משה רבינו. (ערוגת הבושם)

**דער ענין פון זיבן הזאות און שבעה ימים חוץ לאהלו**

וְהִזָּה עַל הַמִּטַּהֵר מִן־הַצָּרַעַת שֶׁבַע פְּעָמִים וְגוֹ' וְיָשַׁב מִחוּץ לְאָהֳלוֹ שִׁבְעַת יָמִים: (יד ז –ח) צו פארשטיין וואס איז דער ענין אז מען שפריצט זיבן מאל און אויך אז מען שיקט ארויס פון זיין אהל זיבן טעג, קען מען זאגן לויט וואס עס שטייט אין די גמ' (ערכין דף טז ע"א) א"ר יוחנן: על שבעה דברים נגעים באים: על לשון הרע, ועל שפיכות דמים, ועל שבועת שווא, ועל גילוי עריות, ועל גסות הרוח ועל הגזל, ועל צרות העין. קומט אויס אז דער מצורע האט געזינדיגט אין איינע פון די זיבן עבירות דעריבער האט ער באקומען א צרעת, און ווייל מען ווייסט נישט אויף וועלכע עבירה עס איז געקומען און אויך עס קען זיין ער האט געזינדיגט אין אלע זיבן, דעריבער שפריצט מען זיבן מאל צו מכפר זיין אויף די זיבן עבירות און אויך וועגן דעם שיקט מען אים אוועק פון זיין שטוב אויף זיבן טעג וואס דאס איז א ענין פון גלות וואס דאס איך אויך מכפר אזוי ווי די גמ' זאגט (סנהדרין דף לז ע"ב) ר' יוחנן אמר גלות מכפרת על הכל, ממילא גייט ער אין גלות זיבן טעג צו מכפר זיין אויף די אלע זיבן עבירות. (נהר שלום – ר' שלום הכהן מחכמי טבריה)

**וְאִם־דַּל הוּא וְאֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת א דאפעלטע לשון**

וְאִם־דַּל הוּא וְאֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת: (י"ד כ"א) לכאורה איז שווער די דאפלטע לשון דַּל און אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת: ווייל א דַּל מיינט דאך אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת, ער קען נישט דערגרייכן צו קויפן? טייטש דער הייליגער צדיק הרה"ק ר' מנחם מענדל מווישיווא זצוק"ל, (בנו בכורו פון אהבת ישראל מוויזניץ זצוק"ל נפטר י"ג טבת תש"א), אז פאר יעדן איד איז אנגעגרייט השפעות טובות פון הימל מיט אלעס וואס ער דארף, נאר אמאל געפינט זיך די השפעות אין עולם העליון און עס בלייבט דארט, און נאר מיט זכותים קען מען דערגרייכן די השפעות און אראפברענגען, יעצט דַּל קען מיינען דער מענטש האט נישט גענוג זכותים עס פעלט אים, און דעריבער אֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת, ער קען נישט דערגרייכן זיינע השפעות וואס זענען אנגעגרייט פאר אים. דעריבער איז די עצה כדי א מענטש זאל דערגרייכן וואס איז אנגעגרייט פאר אים, זאל ער אנזאמלען ביי זיך אסאך זכותים, און אזוי וועט ער האבן כל טוב. (אוצר אפרים) צום הייליגן בית אהרן הרה"ק ר' אהרן מקארלין זצוק"ל האט א חסיד זיך באקלאגט אז זיין מצב אין פרנסה איז זייער שוואך און דער רבי איז דאך משפיע פאר זיינע חסידים השפעות טובות! האט אים דער בית אהרן געענטפערט "וואס זענען מיר שולדיג אז א שייגעץ האט פארשטאפט דער רער"! מיט דעם מהלך פון הייליגן ווישאווא זיע"א קען מען זאגן פשט אין פסוק (תהלים מ"א ב') אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה'. מַשְׂכִּיל מיינט קלוג –א ענין פון חכמה–. און עס שטייט "איזהו חכם הרואה את הנולד" (אבות פ"ב מ"א) א מענטש זאל זיין א חכם און זען זיך אנצוגרייטן אסאך זכותים כדי: בְּיוֹם רָעָה, אויב חלילה עס וועט נגזר ווערן אז די פרנסה און השפעות וועט מען נישט קענען דערגרייכן, אבער דורך די ריבוי הזכותים וועט מען קענען דערגרייכן די השפעות אין צייט פון נויט, און יְמַלְּטֵהוּ ה', און געבן כל טוב. (שמח זבולון)

**פארוואס שטייט "לִי"**

כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת: (י"ד ל"ה) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט "לִי" עס האט געקענט נאר שטיין כְּנֶגַע נִרְאָה בַּבָּיִת? נאר אין מדרש (ויקרא פ"ז ס"ד) שטייט אז דער אויבערשטער האט רחמנות אויף א מענטש און גיסט אויס זיין צארן אויף עצים און אבנים, אלעס כדי דער מענטש זאל תשובה טאן. קען זיין דאס איז דער ענין פון נגעי בתים אז דער מענטש זאל וויסן, אז ער וואלט געדארפט אליין באקומען דעם נגע, נאר דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט און אנשטאט דעם געשטראפט זיין הויז. כדי ער זאל תשובה טאן. דאס קען זיין כְּנֶגַע נִרְאָה "לִי", דער נגע איז פאר מיר א סימן, און לטובתי, צו תשובה טאן. (כלי חמדה סטאניסלאב)

**חילוק פון זב און מצורע**

דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ כִּי יִהְיֶה זָב מִבְּשָׂרוֹ: (ט"ו ב) דארף מען פארשטיין פארוואס דא ביי זב שטייט דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל און ביי א מצורע שטייט דאס נישט? נאר די גמרא (פסחים ס"ז.) לערנט ארויס אז א זב שיקט מען ארויס נאר פון צוויי מחנות, אבער א מצורע שיקט מען ארויס פון אלע דריי מחנות. דעריבער פאר דעם זָב איז פאסיג צו זאגן דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ווייל ער איז נאך צוזאמען מיט די אידן, אבער דער מצורע שיקט מען פון אלע דריי מחנות האט ער נישט קיין שייכות צו אנדערע אידן, דעריבער שטייט נישט דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. (משך חכמה)

**ברכה על סיפור יציאת מצרים, אויך א ברכה אויף חרוסת**

די ראשונים פרעגן פארוואס האט מען נישט מתקן געווען א ברכה די נאכט פון פסח על סיפור יציאת מצרים? דער הייליגער רא"ש איז מעורר אז לויט דער תנא וואס האלט אז חרוסת בליל הסדר איז א מצוה דאורייתא, פארוואס מאכט מען נישט א ברכה אויף די חרוסת? און ענטפערט, די כלל פון עיקר און א טפל אז מען מאכט א ברכה אויף די עיקר און פטר'ט דער טפל, און דער עיקר איז די מרור און אויף דעם מאכט מען א ברכה על אכילת מרור. דער הייליגער חת"ם סופר ברענגט יֵשׁ מְתָרְצִין אז די ברכה פון סיפור יציאת מצרים איז שוין נכלל אין די ברכת אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ, אויף דעם פרעגט ער, פארוואס ביי אלע מצוות מאכט

מען די ברכה עוֹבֵר לְעֲשִׂיָּיתָן, פאר מען טוט די מצוה, אויב אזוי פארוואס וואַרט מען דא ביז אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ וואס איז סוף פון סיפור יציאת מצרים? און ער ענטפערט לויט די גמ׳ ערבי פסחים (דף קט״ז ע״ב) מתחיל בִּגְנוּת ומסיים בשבח, עֲבָדִים הָיִינוּ, און בְּכָל דּוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם און געדינט עו״ז וְעַכְשָׁיו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבֹדָתוֹ, ממילא אזוי ווי ביי א גֵר, ווען ער טובלט זיך מאכט ער די ברכה נאכן טבילה, ווייל פאר דעם קען ער נישט זאגן וְצִוָּנוּ, דאס זעלבע איז ביי סיפור יציאת מצרים, ווערן מיר נאר אויסגעלייזט שפעטער, דעריבער איז מען יוצא מיט די ברכה אֲשֶׁר גְּאָלָנוּ עכ״ד החת״ם סופר. אנדערע ווילן ענטפערן וויבאלד עס איז נישטא א שיעור אויף וויפיל סיפור, און אויף אזאך וואס איז נישטא א שיעור מאכט מען נישט א ברכה, אויף דעם איז שווער אז ביי תרומה איז אויך נישטא א שיעור, ווייל חִטָּה אַחַת פּוֹטֶרֶת את כל הַכְּרִי, און מען מאכט יא א ברכה! וצ״ע.

למעשה איז ביי די דריי מצוות: חנוכה, פורים און פסח, זענען דא אינטערעסאנטע חילוקים: ביי חנוכה, האט מען נישט קובע געווען מען זאל דערציילן די נסים אבער עס איז דא א ברכה שעשה נסים. ביי פורים, איז דא סיי דער חיוב פון סיפור הנס מיט קריאת המגילה און סיי די ברכה שעשה נסים. און ביי פסח איז דא די חיוב מדאורייתא לספר סיפור יציאת מצרים, אבער א באזונדערע ברכה אויפן נס איז נישטא. (שמח זבולון)

## מדור העובדות לפסח – תיקון המדות

## דער הייליגער בית אהרן האט באוואונדערט די סדר פון זיין חסיד

הרה״ק רבי אהרן מקארלין זצוק״ל, דער הייליגער בית אהרן שרייבט אז א משהו חמץ איז נאר א דרבנן אבער א משהו כעס איז א איסור דאורייתא. מען דערציילט אז אין קארלין איז געווען א קארלינער חסיד, ר׳ בערטשע, א תמימות׳דיגער איד, און א עובד ה׳. פון זיין הנהגה ביים סדר נאכט איז דא אסאך וואס זיך אפצולערנען:

זיין ווייב איז נישט געווען קיין גרויסע באלעבאסטע, און ער אליין האט פאר פסח געטאהן כמעט די גאנצע ארבעט פון פסח׳דיג מאכן. ערב פסח פאר׳ן גיין אין שול האט ער אליין אנגעגרייט די סדר טיש מיט שיינע כלים און אויך די מַצוֹת און ווין, ווי אין שולחן ערוך שטייט, אז ווען מען קומט אהיים פון שוהל זאל מען גלייך קענען קידוש מאכן.

אבער בשעת ער איז געווען אין שוהל איז זיין ווייב אריבערגעגאנגען דעם פסח טיש צו איר מזל האט זי זיך אנגעטשפעט אינעם טישטאך און זי האט נישט באמערקט ווי זי שלעפט אראפ אלעם פון טיש, די מצות, די ווין, די ליכט און די כוסות, און אפאר טעלערס האבן זיך צובראכן און זי האט ממש געמאכט א חורבן. און ווי עס פירט זיך ביי אסאך מענטשן, אנשטאט זיך אליין באשולדיגן פארוואס זי האט נישט אכטונג געגעבן, איז זי גאר געווארן אויפגערעגט אויף איר מאן כאילו ער איז שולדיג וואס זי האט געטאן, און זי האט באשלאסן אז זי הויבט גארנישט אויף פון די ערד און אלעם איבערגעלאזט ווי עס שטייט און גייט און זי האט זיך אריין געלייגט אין בעט שלאפן.

ווען ר׳ בערטשע איז אהיימגעקומען פון שוהל און געזען אז ס׳איז חושך פינסטער האט ער נישט געוואוסט וואס גייט דא פאר! ווען ער האט באטראכט דעם מצב האט ער שוין פארשטאנען וואס דא איז געשען, און געפרעגט זיין ווייב זייער רוהיג וואס דא איז געשעהן? האט זי איהם נישט געענטפערט, נאר געבלאזן אויף איהם מיט כעס.

א גאר דערהויבענער חסיד איז ער געווען, און נישט געמאכט א עסק פון דעם און ער נעמט זיך אנגעצינדן די ליכט היתכן ס׳איז דאך יום טוב, און ערשט דאן האט ער געזען די גאנצע מהפכה. ער האט גלייך געכאפט וואס דא גייט פאר! אז דער טישטאך איז נישט סתם אראפגעפאלן פון זיך אליין נאר פארקערט פון די נאכלעזיגקייט פון זיין ווייב איז דאס געשען! אבער מען דארף איר גיין בארוהיגן! האט ער איר אנגעהויבן איבערצובעטן מיט גוט הארציגע ווערטער אבער זי האט זיך נישט געלאזט: זי האט אויס געפלאצט מיט א כעס און געשריגן אויף איהם קולות, אבער ער האט זיך נישט געלאזט און ער האט איר ווייטער בארוהיגט מיט שיינע ווערטער אז עס גארנישט פאסירט אז ער וועט אלעם אויפהייבן און אפווישן, און ביז א פאר מינוט וועט ער אלעם צוריק לייגן אויפ׳ן פלאץ און מען וועט קענען אנהויבן דעם סדר. זי האט זיך בארוהיגט, און ער האט אלעם אויפגעהויבן מיט א שטארקן רוהיגקייט, און דערנאך האבן זיי געפראוועט צוזאמען א דערהויבענעם סדר מיט גרויס שמחה. אויף צו מארגנ׳ס האט דער הייליגער בית אהרן געזאגט אין בית המדרש מיט גרויס התפעלות: ״אונז האבן אויך אפגעראכטן א שיינעם סדר אבער צום סדר פון ר׳ בערטשע קומט עס נישט צו!״

## געטייטשט ביים סדר – לְכַלּוֹתֵינוּ – צו בעטן פאר אונז

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ: ביים סדר פון הייליגן ר׳ אהרן מקארלין זיע״א דער בית אהרן האט זיך דער רבי צו שמייכלט אין מיטן סדר, צום וואונדער פון אלע חסידים, האט זיין זון הרה״ק ר׳ אשר דער יונגער רבי זיע״א געפרעגט דער סיבה פון דעם, האט ער געזאגט אז ער האט געזען ווי יענער דארף׳ס איד טייטש וְהִיא שֶׁעָמְדָה: איז ר׳ אשר, דער יונגער רבי, געגאנגען דארט און געפרעגט דעם איד ווי אזוי האסטו געטייטש וְהִיא שֶׁעָמְדָה? און דער איד איז געווארן דערשראקן, ווייל ווער ווייסט וואס ער האט דא אָפּעטאן! זאגט אים דער רבי: שרעק זיך נישט, און דער איד זאגט אז ער האט געטייטשט וְהִיא: מיינט מען די צדיקים, שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. זיי האבן אונז און אונזערע עלטערן געהאלפן, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד – עמד עלינו – נישט נאר איין צדיק האט אונז אונטערגעהאלטן – לְכַלּוֹתֵנוּ – צו בעטן פאר אונז, [פון דעם לשון ויחל משה], אֶלָּא שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, די צדיקים בעטן פאר אונז אין אלע דורות. פרעגט אים ר׳אשר און ווי אזוי האסטו געטייטש וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם? בלייבט דער איד שטיין, און זאגט איך האב נישט געטראכט פון דעם! האט אויסגעפיהרט דער יונגער רבי אז דער טייטש איז וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. אז דער אויבעשטער זאל אונז העלפן אז מען זאל נישט דארפן אנקומען צו די צדיקים.


***לכבוד פסח א מתנה פארן רבי׳ן אדער א גביר

הגדה של פסח זיטאמיר גליונות רחבות וכמו חדש $18000**

ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵׁמוֹת,

*הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל״ה מיט ברייטע גליונות באלאנגט צו משפחה פון הרה״ק ר׳ מרדכי מנאדבורנא $3000, ספר גנזי יוסף תלמיד המגיד דפוס ראשון, ספר אור הדחכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק $18000, גמ׳ זיטאמיר מיט חתימת הרה״ק ר׳ יחיאל מקרילאוויץ בן הרה״ק מזינקוב וגם שייך לנכדו הרה״ק ר׳ נפתלי בהרה״ק ר׳ יהושע מבעלזא $15000, ספר תולדות אהרן דפוס ראשון בארדיטשוב, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה״ג ר׳ יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש״י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, ספר הישר לר״ת מיט חתימה הר׳ דניאל פרוסטיץ, ליקוטי הלכות ברעסלאו אורח חיים דפוס ראשון,* א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה״צ מטאש זצוק״ל, א בריוו פון הרה״ק ר׳ מרדכי ובנו ר׳ אברהם די זוויהעלע רבי׳ס זצוק״ל, א ספר קדושת לוי וואס האט באלאנגט צו הרה״ק ר׳ שמעון קאליש מאמשינוב, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת״ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב״ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה״ק ר׳ יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר׳ אהרן וואלקין ווען זיין ספר סביב ליראיו $1800, ספר מגיני שלמה ויניציא תק״א עם חתימת ר׳ פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה״ק ר׳ יחזקאל מערן.** א גמרא פון הרה״ג ר׳ אברהם פאם זצ״ל $180, איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעם איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת

ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵׁמוֹת, מיר קענען אפנעמען ביי אייך א גרעסערע קוואנטום מיר ווינטשן אלע אידן א כשר׳ן און א פרייליכן פסח קומענדיגן גליון וועט ערשיינען אויף פרשת אחרי הבעל״ט